# טאָמאַס סאַקסבערגער

## אַ צימער

דאָס זײַנען מײַנע דלת-אמות, באמת נאָר אַ קליין קעמערל, אָבער ס׳איז נאָר אויף דערווײַל.

דאָ האָסטו מײַנע זאַכן, אַ ביסל אָנגעוואָרפֿן, ווײַל איך בין דאָ ערשט געקומען, און עס האָט זיך נאָך ניט אײַנגעשטעלט קיין סדר.

דאָ איז דאָס בחורישע בעט, וווּ עס מישן זיך אויס חלומות מיט פֿאַנטאַזיעס בײַנאַכט.

אַנטקעגן אים איז דער ממזרישער שרײַבטיש, וווּ איך מיש אויס מײַנע חלומות און פֿאַנטאַזיעס בײַטאָג.

דאָ האָסטו מײַנע פּאַפּירן, אַ ביסל ביכער אין פֿאַרשיידענע שפּראַכן: מײַן שטיקל בבֿל-ירושה. אַלטע חלומות און פֿאַנטאַזיעס צונויפֿגעמישט, כּדי פֿון זייער קאָמפּליצירטער כעמישער רעאַקציע אַרויסצובאַקומען אַ טראָפּן אמת.

אָט עפֿן איך אויף אַ בוך: שורה נאָך שורה לויפֿן די קליינע מוראַשקע-אותיות איבער די זײַטן, האָרעווען און שלעפּן אַ קלאַנג און נאָך אַ קלאַנג, בויען אַ שטיקל באַטײַט און נאָך אַן אָנדײַט און נאָך אַ בײַטײַטש.

אויב ס׳איז אמת, אַז איטלעכע זאַך האָט איר מלאך — גיי רעכן אויס וויפֿל עס דאַרפֿן זײַן דאָ, זינט יעדע איינע פֿון די דאָזיקע מוראַשקעס מוז דאָך אויך האָבן איר שומר!

אַזוי פֿאַרטרײַב איך זיך די צײַט אין אָט-אָ-דעם צימער. איך קוק אויף אַ צורת אַלעף. איך קוק ווי דער האָן אין בני-אדם. שטײַגט דאָס מוראַשקעלע-מלאכל דורך מײַן אויג מיר אין קאָפּ, און דער קמץ-א׳-אָ טראָגט זיך פֿון מוח-קעמערל אין מוח-קעמערל, גיך ווי דער בליץ.